# קרית ברסלב בלעטל

שנה ג'
נומער ק"ג
פרשת וישב
תשפ"ב

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א



## א ווארט
פונעם ראש ישיבה שליט"א

### דערציילט זיי די גרויסע ניסים

גֵיי אַהֵיים פְּרִי, דַיינֶע קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף דִיר; גְרֵייט אָן אַ מְנוֹרָה פַּאר אַלֶע דַיינֶע אִינְגְלֶעךְ, זִינְג מִיט זֵיי פְּרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים אוּן דֶערְצֵיילְט זֵיי דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אַזוֹי אוֹיךְ דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע מִינוּט.

(עצתו אמונה מקץ תש"פ)

## זמנים Liberty

פרשת וישב תשפ"ב
כ"ג כסלו

הדלקת הנרות ........... 04:12
מוצאי שבת ............. 05:42

**מנחה מעריב פאר פרשת מקץ ................ 05:25**

# בריוו צו די רעדאקציע

## די נייעס אפטיילונג

א גוטן טאג מערכת קרית ברסלב בלעטל.

איך גלייך זייער צו ליינען, היינטיגע צייטן איז דאך דא אסאך צייטונגען און אויסגאבעס צו קויפן, און אזוי ווי אסאך מענטשן וואס קויפן דאס, פלעג איך דאס אויך קויפן יעדע וואך, איך פלעג מיך אנפילן א גאנצע בארג פון צייטונגען פון אלע סארטן וואס איז נאר דא, עס האט מיר אבער אלץ געבאדערט פארוואס איך טוה דאס, וואס דארף איך דאס קויפן און ליינען? וואספארא תועלת איז דאס?

ביז עס איז ארויסגעקומען דער "קרית ברסלב בלעטל" האט זיך געטוישט דאס גאנצע בילד, איך בין געווארן גאר שטארק איבערגענומען פון דעם שיינעם רייכן און אמונה'דיגע אויסגאבע, עס איז בכלל נישט קיין פארגלייך צו אנדערע אויסגאבעס, עס איז כרחוק מזרח ממערב, א בריוו פונעם ראש ישיבה איז פארשטייט זיך אנגעפולט מיט חיזוק און עצות אויף למעשה, און אזוי אויך א שיחה איז דאך אויך געזאגט געווארן דורכ'ן ראש ישיבה, האט עס אויך אין זיך עצות אויף די לעבן, אבער דאס אז אין די נייעס זאל ליגן ארינגעלייגט 'אייבערשטער'! דאס איז א זאך וואס איז נאכנישט געווען, און דאס מיז שטארק ווערן ארויסגעברענגט אלץ גאר א גרויסע דורכברוך אין די וועלט פון אויסגאבעס.

אזוי אויך בין איך זייער שטארק נתפעל געווארן פונעם אפטיילונג "מעשיות פון תפלה", מען האט אראפ גענומען אלע לבושים מיט וואס מען האט ביז יעצט פארדעקט דעם אייבערשטן אין די צייטונגען, און מען האט אנגעהויבן רעדן אפן פונעם אייבערשטן.

נישט צו זאגן אז אלע צייטונגען זענען אינעם זעלבן גאנג און אלעס רעדט חס ושלום אנטקעגן דעם אייבערשטן, אבער דאס וואס מען זעהט אינעם "קרית ברסלב בלעטל" איז ממש ביטול הבחירה, עס איז אזוי ווי ס'זאל שטיין די ווערטער "פאר אלע אייערע פראבלעמען און שוועריקייטן רופט דעם אייבערשטן, און ער וועט אייך העלפן מיט וואס איר דארפט".

א גרויסן שכח פאר אייער ארבעט. חזקו ואמצו. מיט דאנק

לוי שווארץ


# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**

718.387.2691

subscribe@kerenhadfusa.org

**אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**

845.379.1169

breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191

**חיזוק פאר די אידיש שטוב:**

212.444.9169

BRESLEVCENTER.COM









## Shuttle Routes

Going to Monroe every Sunday

Monday - Thursday
A 10:00. B 10:45. C 11:30. D 12:15. E 1:45. F 3:15. G 4:45. H 5:15

Friday A 10:00 and B 10:45

Order day before till 8:00 pm texting 848-482-4991
For more info call/text 845-720-0847

See store for weekly promotions!!

**Prices:**
**Ladies Tops $3**
**Ladies Dresses, Robes $5**
**Baby, Kids Clothing, Shoes $1**
**Accessories: Check in store**

**(Put the money in the pushka)**

New Arrivals Every Tuesday!!

# BUY & SAVE

65 E Mangoup Rd. Hurleyville NY 12734

Girls shopping with adults only.

Walk-ins welcome anytime!!

(Self checkout)

Short in money?
Don't have change?
Take advantage of our credit book on the wall and keep track of your balance!!

Look out for the free corner!!

Drop off closed bags only, on the couch.

$15 credit and a zchus for helping the rebbi by unpacking and hanging clothing, call one of the volunteers.

Mrs. L. Weberman 845-662-4083
Mrs. M. Weberman 845-662-4627

# שטעטל נייעס

## אייגנארטיגע באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א - מיטוואך וישלח



פארגאנגענעם מיטוואך פרשת וישלח האט מען געהאט די זכיה צו האבן דעם ראש ישיבה אין שטעטל פאר א קורצע אבער גאר שיינע באזוך.

אנגעהויבן האט זיך עס ווען דער ראש ישיבה איז אנגעקומען צו די טעגליכע מנין שחרית זיבן אזייגער אינדערפרי, נאכן דאווענען האט מען געהאט די זכיה צו האבן א ברית פון א קינד בן ר' אברהם הערש וועבערמאן הי"ו, עס איז געווען גאר שיין צו זעהן ווי די אינגעלייט ניצן אויס די הייליגע מינוטן ביים ברית און זענען זיך מתבודד צום אייבערשטן און בעטן זייערע בקשות פון אליהו הנביא וואס קומט צו יעדע ברית. דער ראש ישיבה שליט"א איז מכובד געווארן מיט סנדקאות און דערנאך געזאגט די ברכות און געגעבן א נאמען פארן נייעם געבוירן קינד, ויקרא שמו בישראל "חיים".

דערנאך האט מען זיך געוואשן צום סעודת ברית, ביי די סעודה האט דער ראש ישיבה גאר שיין ארומגערעדט וועגן די שיינקייט פון אידישע קינדער וואס מאכן א ברית מילה פאר זייער קינד מיט א שמחה, און דערנאך ארויסגעברענגט ווי וויכטיג עס איז פאר עלטערן צו אריינברענגען א פרייליכקייט אין שטוב, אזוי וועלן זיך די קינדער האלטן ביי אידישקייט און נישט וועלן אוועקלויפן חס ושלום.

נאכ'ן ברית איז דער ראש ישיבה געגאנגען באזוכן דעם בית הדפוס וואס געפונט זיך הארט אונטערן בית המדרש, דער ראש ישיבה האט זיך אומגעקוקט אין די ארבעט, דורך געגאנגען געוויסע פרטים וואס מען קען בעסער און שנעלער מאכן פארן בית הדפוס.

דערנאך האט דער ראש ישיבה אפגעשטאט א באזוך אינעם נייעם געשעפט "באמבאלינא" וואו מען קען איינקויפן קליידונג און שטאפיר פאר נייע געבוירענע קינדער פאר גאר צוגענליכע פרייזן, דער ראש ישיבה האט געקלאפט א מזוזה, און דערנאך איינגעקויפט אפאר זאכן. דער בעל הבית פונעם געשעפט האט געוואלט געבן פאר אומזיסט, אבער דער ראש ישיבה האט געזאגט ער וויל צאלן די פולע פרייז וואס עס קאסט.

נאכדעם איז דער ראש ישיבה געגאנגען באזוכן די נייע הייזער וואס ווערט יעצט געבויעט. דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט אז די הייזער ווערן געבויעט מער טיפער אריין אינעם פראפערטי, נישט אזוי נאנט צו די ראוד אזוי איז עס מער איידעלער און באשיידן.

אויך האט דער ראש ישיבה אפגעשטאט א באזוך אין די אפיסעס פון "פעסט בילד" וואס דורך זיי ווערט געבויעט די נייע הייזער אין שטעטל. דער ראש ישיבה איז דורך געגאנגען אלע נייע לאטס וואו מען פלאנט בקרוב צו בויען, און מען האט געוויזן פאר'ן ראש ישיבה אלע פרטים פון יעדע לאט, וואס און ווי גרויס מען קען דארט בויען, אזוי אויך איז מען דורך געגאנגען די פרטים פונעם שטח הבית החיים, וואו עס האלט מיט די פערמיטס פארן בית החיים און ווי לאנג עס וועט נאך נעמען ביז דאס וועט זיין אפראווו"ד.

ביים סוף האט דער ראש ישיבה אפגעשטאט א באזוך ביים מצה בעקעריי, ווי די בוי ארבעט רוקט זיך פאראויס יעדן טאג, מען שטעלט זיך נישט אפ קיין איין טאג, עס איז שוין אנגעקומען געוויסע גרויסע חלקים פונעם מעכטיגן איוון, וואס איז ספעציעל געווארן געמאכט פאר'ן מצה בעקעריי דקהלתינו הקדושה.

דער ראש ישיבה איז אדורך אלע וויכטיגע פרטים בנוגע די מצה בעקעריי, און געזאגט פונקטליך וויאזוי יעדע פרט דארף ווערן געמאכט כדת וכהלכה, בפרט אז מען רעדט דא פון א מצה בעקעריי וואו מען גייט באקן מצות פארן הייליגן יום טוב פסח, וואס דעמאלטס מוז דאס ווערן געמאכט מיט אלע חומרות והידורים, מער ווי א גאנץ יאר.

מען האפט מיטן אייבערשטן'ס הילף צו קענען עפענען דעם מצה בעקעריי גענוג צייטליך, כדי עס זאל זיין גענוג מצה פאר אלע משפחות אנשי שלומינו וואס ווילן האבן מצה פון אונזער מצה בעקעריי, וואס וועט ווערן געבאקן מיט אלע חומרות והידורים, און וועט טראגן דעם הכשר פון אונזער חשוב'ער ראש ישיבה שליט"א.

ביים סוף האט דער ראש ישיבה נישט געהאט קיין צייט צו גיין באזוכן אין תלמוד תורה, אבער דער באזוך איז געווען גאר א וויכטיגער באזוך, וואס האט אויפגעטוהן גאר אסאך פאר די הצלחה פון די עתיד פונעם שטעטל.

היכל הקודש ירושלים

# סיום מסכת ראש השנה געפייערט דורך אנשי שלומינו אלוועטליך



פאראגנגעם שבת קודש פרשת ויצא האבן אנשי שלומינו איבער די גאנצע וועלט געפייערט דעם סיום מסכת ראש השנה וואס איז געלערנט געווארן אינאיינעם זינט אנהייב חודש אלול העעל"ט, ווען מען האט יעדן איינציגן טאג געלערנט א בלאט גמרא.

דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר דעם דף גמרא יעדן טאג בטוב טעם ודעת מיט א גאר געשמאקן און קורצן וועג, טויזנטער אידן פון איבער די גאנצע וועלט האלטן מיט דעם געשמאקן שיעור פונעם ראש ישיבה, וואס ווערט ארויפגעלייגט אויף קול ברסלב, אויך איז מען זיך מחיה מיט די קורצע חיזוק ווערטער וואס ווערט אלץ געזאגט נאכן שיעור, ווי דער ראש ישיבה שליט"א נעמט ארויס פון די גמרא התחזקות פאר אונז אויף הלכה למעשה, אזוי אויך רעדט דער ראש ישיבה שליט"א אלץ ארום איבער חינוך הילדים, וויאזוי מען קען מצליח זיין אויפצוציען ערליכע שיינע דורות אין די היינטיגע וועלט.

פאריגע וואך דאנערשטאג נאכט, ביים בארימטן שיעור וואס ווערט פארגעלערנט יעדן ליל שישי ספעציעל פאר די אינגעלייט, איז געווארן צוגעשטעלט א שיינע סעודה לכבוד דעם סיום, מען האט געזינגען שיינע ניגונים לכבוד דעם סיום, און דערנאך מסיים געווען די מסכתא, דערנאך האט מען געהאט די זכיה צו הערן א שיינעם שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א.

דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט איבער דעם וואס מ'זאגט נאכן סיום **"אנו עמלים ומקבלים שכר, והם עמלים ואינם מקבלים שכר"**, יעדע איינער אויף דער וועלט פלאגט זיך, נישטא קיינער אויף דער וועלט וואס גייט אויף אים נישט דורך שוועריקייטן, ס'איז דא מענטשן וואס ווילן נישט האבן קיין קינדער, ער טראכט אזוי וועט ער האבן א גרינגערע לעבן, אבער דאס איז נישט אמת, ווייל אויב נישט פלאג פון קינדער, וועט ער זיך מוטשען אויף אנדערע זאכן, ווי למשל פיס ווייטאג, רוקן ווייטאג, חובות, שלום בית, וואויל איז דער מענטש וואס זיין פלאג גייט פאר לערנען תורה און פאר אויפציען קינדער זיי זאלן וואקסן ערליך און געזונט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט שטארק געבעטן אנשי שלומינו מ'זאל מקבל זיין אויף זיך צו לערנען יעדן טאג דעם נייעם מסכתא וואס מען הייבט יעצט אן - מסכת תענית, "אז דו וועסט "זאגן" דעם דף גמרא יעדן טאג, קען זיין אז דו וועסט לערנען יעדן טאג דעם דף, אז דו וועסט וועלן "לערנען" דעם דף, וועסטו זען וואס עס וועט זיך אויסלאזן דערפון". זוך נישט קיין שלימות, פאלג דעם צדיק וואס האט געזאגט (שיחות הר"ן סימן ע"ו) **"אין צריכים בלימוד רק האמירה לבד"**.

דער ראש ישיבה האט דערנאך ארום גערעדט איבער שלום בית, "אז דו האסט פייגלעך אין קאפ, אז דער און יענער האט א בעסערע ווייב, אדער א בעסערע שלום בית, דארפסטו גאר וויכטיג האבן דעם בלאט גמרא, ווייל דאס וועט דיך אויסהיילן פון די אלע נארישע מחשבות", אז דו וועסט לערנען יעדן טאג גמרא וועסטו זעהן אז דו האסט די בעסטע ווייב, דו וועסט זיך פרייען צו אהיים קומען און לעבן א הייליג לעבן.

אזוי אויך איז מאנטאג נאכט פרשת וישלח פארגעקומען א סיום אין שטוב פון האברך משה אהרן שפילמאן הי"ו אין וויליאמסבורג, עס זענען זיך צאמגעקומען די אינגעלייט וואס זיצן יעדע נאכט ביים שיעור וואס ווערט פארגעלערנט דורך הר"ר אלחנן רוטה שליט"א זון פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס לערנט פאר דעם דף גמרא יעדע נאכט בטוב טעם ודעת, [באגלייט מיט א ווערטער גלייך נאכ'ן שיעור].

דער ראש ישיבה שליט"א איז ספעציעל געקומען אנטייל נעמען אין דעם הערליכן סיום, און ארויסגעברענגט די חשיבות פון א אינגערמאן וואס ארבעט ביטער שווער א גאנצן טאג, און עס קומט סוף טאג רייסט ער זיך אוועק צייט און קומט לערנען א דף גמרא - וואס דאס איז זייער חשוב, און בפרט קומט זיך א דאנק פאר די חשובע פרויען וואס זאגן פאר זייערע מענער זיי זאלן גיין צו א שיעור לערנען, וואס די שכר פאר זיי איז גאר גרויס.

**הדרן עלך מסכת ראש השנה.**



# מעשיות פון תפילה

## מרדכי לייב טירנויער:

שכח אייבערשטער אז איך לערן אין די הייליגע ברסלב'ע ישיבה, וואס דאס אליין איז א ריזיגע מעשה פון תפילה.

איך וואוין אין א אנדערע שטאט - נישט אין וויליאמסבורג. פאר איך בין אריין אין ישיבה לערנען האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל נישט דארפן אהיימפארן יעדן טאג פון ישיבה צו די פלאץ וואו איך וואוין נאר איך וויל האבן וואו צו שלאפן אין וויליאמסבורג.

אזוי איז אריבער א שטיק צייט, איך האב שוין געלערנט אין ישיבה אבער איך האב נאכנישט געהאט וואו צו איינשטיין אין וויליאמסבורג, אבער איך האב נישט אויפגעגעבן מיט מיינע תפילות, איך האב ווייטער יעדן טאג געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א פלאץ וואו צו שלאפן יעדע נאכט.

שכח אייבערשטער אז נאך אסאך אסאך תפילה האב איך ברוך השם געטראפן א דירה וואו צו איינשטיין.

## יואל וועבערמאן:

שכח אייבערשטער אז איך וואוין אין שטעטל.

איך ארבעט אין קרית יואל וואס איז בערך א שעה צו פארן פון שטעטל, איך פאר אריין יעדן טאג צו די ארבעט. יעדן טאג פאר איך פאר ארויס זאג איך תפילת הדרך און איך בעט דעם אייבערשטן אז איך זאל אנקומען און צוריקקומען בשלום געזונטערהייט.

איין טאג דעם פארגאנגענעמוואך בין איך געפארן קיין קרית יואל ווי געווענטליך, מיטאמאל זעה איך ווי דער קאר אין פארנט פון מיך איז משוגע געווארן, ער געבט א מאך א U TURN און הייבט אן פארן אויף די פארקערטע ריכטונג! איך האב געגעבן א שריי "באשעפער"!! און אראפגעברעיקט אז איך זאל נישט ארייןקראכן אין די קאר.

שכח אייבערשטער אז איך האב נישט אריינגעקראכט אין יענעם, און קיינער האט נישט אריינגעקראכט אין מיר, און ס'איז גארנישט געשען צו קיינעם!

## משפחת בוים - ארץ ישראל:

ס'איז געווען פאר ראש השנה העבר עלינו לטובה. אזוי ווי אלע מענטשן - וואס גלייבן אין וואס דער רבי האט צוגעזאגט אז "ווער עס וועט קומען צו אים אין אומאן אויף ראש השנה וועט ער מתקן זיין" און קומען איבער אלע שוועריקייטן צו זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה - האב איך זיך אויך געגרייט צו פארן, סיי מיטן אנגרייטן אלע באדערפענישן, עסן און אזוי ווייטער. ווי אויך מיט אסאך תפילה, ווייל לויט ווי דער געזעץ לויטעט אין דעם מדינה של גיהנום דארף איך זיך שטעלן צום מיליטער, וואס ווי ס'איז באקאנט פאר יעדעם אז גיין אין מיליטער איז נישט געמאכט פאר א איד בכלל און פאר א חסיד'ישער איד בפרט, און דער געזעץ איז אז איינער וואס דארף גיין אין מיליטער קען נישט ארויספארן פון לאנד. אבער איך דארף דאך פאלגן דעם רבי'ן און זיין אין אומאן, האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל מיך יא ארויסלאזן.

ווען איך בין אנגעקומען אין לופטפעלד האבן זיי אנגעהויבן פארפירן אז איך קען נישט ארויספארן ווייל איך דארף זיך שטעלן צום מיליטער, האב איך זיי געזאגט אז ווען איך קום צוריק וועל איך זיך שטעלן און יעצט זאלן זיי מיך לאזן גיין, און א מעשה פון תפילה איז געשען אז זיי האבן מיך געגלייבט. שכח אייבערשטער אז איך בין געווען אין אומאן דעם ראש השנה!!

ווען איך בין צוריקגעקומען נאך ראש השנה האבן זיי מיך ווייטער געזאגט "דו דארפסט זיך שטעלן צום מיליטער". האב איך ווידער געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן מיך אפלאזן, און איך האב זיי געזאגט אז יעצט פאר די ימים טובים קען איך נישט ווייל איך בין א איד. און וואונדער איבער וואונדער, מ'האט מיך נאכאמאל געלאזט גיין!! אלעס נאר וועגן די תפילות וואס איך רייס איין שוין א לאנגע צייט.

נאך יום טוב האב איך שוין נישט געהאט קיין ברירה און איך האב געמוזט גיין זיך שטעלן. אבער איך האב ווייטער נישט אפגעלאזט און געבעטן פון טיפעניש פון הארצן מ'זאל מיך פריי לאזן. איך בין געגאנגען צו די פלאץ ווי אלע מענטשן וואס דארפן זיך שטעלן דארפן קומען, און איך האב פרובירט זיך ארויסצודרייען מיט פארשידענע תירוצים און ווענן וכו', אבער זיי האבן מיך געזאגט אז זיי ווילן נישט הערן פון גארנישט, און איך מוז גיין אין מיליטער.

יעצט ווארט איך אז די לאנגע מעשה פון תפילה זאל קומען צו א גוטע ענדע און איך זאל אינגאנצן פטור ווערן פון דארפן גיין אין מיליטער. ביטע ווען דו דערמאנסט זיך, בעט דעם אייבערשטן א קליינע תפילה פאר מיר "אברהם צבי בן אסתר אקא".

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א



בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט, דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער עֶרְשְׁטֶער מֶענְטְשׁ וָואס דֶערְצֵיילְט מִיר **אַזַא מַעֲשֶׂה**; אִיךְ הָאבּ דָא בַּיי מִיר אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אַ מְלַמֵּד וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַן עֶנְלִיכֶע מַעֲשֶׂה וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר. וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד הָאט אִים דֶער מְנַהֵל נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט, וֶוען עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט שַׁבָּת אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט. אֵיין מָאל אִיז גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה אַ גְרוֹיסֶער מִבְצַע, אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט אִין זַיינֶע זַייטִיגֶע צַייטְן מֶער פוּן פוּפְצִיג שָׁעָה גֵייט בַּאלוֹינְט וֶוערְן, הָאט דָאס קִינְד גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט זַיין גוּט אוּן עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, אָבֶּער וֶוען מֶען הָאט אַרוֹיס גֶערוּפְן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן מַתָּנוֹת הָאט מֶען אִים נִישְׁט אַרוֹיף גֶערוּפְן, מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: "מֶען גְלֵייבְּט דִיךְ נִישְׁט, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אַזוֹיפִיל שָׁעוֹת אִין דַיין אֵייגֶענֶע צַייט, **דוּ בִּיסְט אַ שְׁלֶעכְט קִינְד** וְכוּ'". הָאט עֶר דֶעמָאלְט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר לָאזְט אָפּ אִידִישְׁקֵייט, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט בְּסוֹד סוֹדוֹת פַאר אֵיינֶער פוּן זַיין גֶעשְׁוִויסְטֶער: "אִיךְ וֶועל אַלֶעס אָפְּלָאזְן, וַוייל מֶען גְלֵייבְּט מִיר סַיי וִוי נִישְׁט, אוּן אִיךְ בִּין סַיי וִוי שְׁלֶעכְט וְכוּ' וְכוּ'". עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן צֶען יָאר, אוּן עֶר הָאט נָאר גֶעוַוארְט צוּ וֶוערְן אַ בָּחוּר אוּן עֶר הָאט אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן מַיין יְשִׁיבָה אוּן עֶר הָאט דָא גֶעלֶערְנְט, בִּיז עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן הַיינְט אִיז עֶר אַ מְלַמֵּד בַּיי אוּנְז אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ 'שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה'; עֶס שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן זְ'רָעִים מ'וֹעֵד נָ'שִׁים נְ'זִיקִין קָ'דָשִׁים טָ'הֳרוֹת אִיז "זְמַן נָקַט", הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד אַ הֶערְלִיכֶער פְּשַׁט, אַז אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת הַאלְט דִי צַייט אִין דִי הַאנְט - "זְמַן נָקַט".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט) "**שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן**", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "**אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד**". אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְ'ס. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי' נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! **תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס!** אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן וַוייטֶער בְּלִימוּד הַתּוֹרָה, יֶעדְן **טָאג אַבִּיסְל**, וִויפִיל דוּ קֶענְסְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיין לֶעבְּן.

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



אסרו חג פסח שנת תש"ע האט דער ראש ישיבה שליט"א געעפענט די תלמוד תורה 'היכל הקודש ברסלב', דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "דער הייליגער סאטמאר'ער רבי זכותו יגן עלינו האט אויך געעפענט זיין תלמוד תורה מיט געציילטע קינדער, מיט בלויז זעקס קינדער, און דאס איז גרויס געווארן, די זעלבע וועט זיין מיט אונזער תלמוד תורה עס וועט אויך אם ירצה השם גרויס ווערן, די מוסד האבן מיר געעפענט לשם שמים, אן קיין אייגענעם אינטערעסע"..

* * *

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשמועסט אמאל ביי א ברית: אסאך מענטשן גייען אוועק פונעם אייבערשטן צוליב דעם וואס זיי האבן 'קשיות', עס באדערט זיי דאס וואס שטייט אין שלחן ערוך (רמ"א יורה דעה סימן רס"ה, סעיף י"א) "דְּכָל סַנְדָּק הָוֵי כְּמַקְטִיר קְטֹרֶת", דער סנדק אי אזוי ווי ער איז מקטיר קטרת, און די הייליגע חכמים זאגן דאך (יומא כו.) קטרת ברענגט עשירות, און פיל מאל זעט מען ווי דאס העלפט נישט, יענער ווערט נישט קיין עושר; האט דער ראש ישיבה שליט"א דערנאך צוגעלייגט, דער הייליגער חתם סופר ענטפערט שוין א תירוץ אויף דעם (שאלות ותשובות חתם סופר, אורח חיים חלק א', סימן קנ"ח() דער אייבערשטער טוישט אויף די עשירות, עס איז געווען באשערט יסורים פאר דעם מענטש צוליב זיינע עבירות, אנשטאט אים געבן עשירות טוישט מען דאס אויף צו אוועקנעמען די גזירה ער זאל נישט דארפן דורכגיין יסורים.

* * *

מאנטאג לך תשע"ה האט דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט פאר די בחורים אין א שמועס, מוהרא"ש האט מיר אנגערופן זאגנדיג ער וויל מנדב זיין געלט די בית הדפוס זאל דערמיט דרוקן 5,000 ספרי אוצר הקדושה, דאס זאל זיין לזכות זיין ווייב זי זאל געזונט ווערן, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "מוהרא"ש זאגט אלץ 'ווער עס דארף א ישועה זאל העלפן דרוקן די ספרים און ער וועט זען א ישועה', און דאס טוט מוהרא"ש אליינס ווען ער דארף א ישועה, ער דרוקט די ספרים".

# א מעשה
## פון א צדיק



## מעשה פון רבי נחום מטשערנאביל זי"ע

אִין סֵפֶר שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען זֶעהְט מֶען אַן אִינְטֶערְסַאנְטֶע זַאךְ, אַז דִי עֶרְשְׁטֶע פִיר סִימָנִים אִיז צְוֵויי מָאל גֶעדְרוּקְט, [מַהֲדוּרָא רִאשׁוֹן, אוּן מַהֲדוּרָא בַּתְרָא].

אִיז בַּאקַאנְט בַּיי דִי גָאר אַלְטֶע לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער חֲסִידִים דִי טַעַם דֶערְפוּן, אַז דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט פַארְן בַּעַל הַתַּנְיָא: זַלְמֶנְ'יוּ! אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט זָאלְסְט מַאכְן אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ וָואס זָאל אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען גְלַייךְ דִי תַּמְצִית פוּן דִי הֲלָכָה. [וִוי בַּאקַאנְט הָאט אִים דֶער מַגִיד זֵייעֶר מַפְלִיא גֶעוֶוען].

הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע פִיר סִימָנִים, אוּן עֶס גֶעבְּרֶענְגְט פַארְן רֶבִּי'ן אוּן אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיפְן טִישׁ, דִי רֶבִּי זָאל עֶס אִיבֶּער קוּקְן אוֹיבּ עֶר הָאט טַאקֶע דָאס גֶעמֵיינְט, אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען שְׁרַייבְּן וַוייטֶער. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד הָאט אִין דֶעם אַרַיינְגֶעקוּקְט, פְרֶעגְט עֶר אִים: זַלְמֶנְ'יוּ! וֶוער הָאט דָאס גֶעשְׁרִיבְּן? זָאגְט עֶר: אִיךְ! הָאט עֶר דָאס גְלַייךְ אַ וַוארְף גֶעגֶעבְּן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶער רֶעדְן מִיט אִים אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן אִים. דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוּן עֶר אִיז אַזוֹי אַוֶועק גֶעפָארְן.

פַארְצַייטְנְס הָאט מֶען זִיךְ גֶעמוּזְט כְּסֵדֶר אָפְּשְׁטֶעלְן אוֹיפְן וֶועג צוּלִיבּ דִי פֶערְד וְכוּ', בִּפְרַט בַּיינַאכְט הָאבְּן דִי פֶערְד נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, אִיז גֶעוֶוען קְרֶעטְשְׁמֶעס [אַזוֹי וִוי הַיינְט אַ הָאטֶעל], וואוּ מֶען הָאט גֶענֶעכְטִיגְט דָארְטְן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין זַיין צִימֶער אוּן עֶר לֶערְנְט.

דֶערְוַוייל אִינְמִיטְן נַאכְט הָאט פַּאסִירְט אַז אֵיינֶער פוּן דִי גֶעסְט אִין דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶע הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען דִי פְרוֹי פוּנֶעם בַּעַל-הַבַּיִת, אוּן זִי הָאט גֶעמַאכְט אַ גֶעוַואלְד! הָאט דֶער בַּעַל-הַבַּיִת גֶענוּמֶען לוֹיפְן אוּן זוּכְן וֶוער דָאס אִיז גֶעוֶוען?! עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן וֶוער.

פְלוּצְלִינְג הֶערְט עֶר בַּיי אֵיין טִיר עֶפֶּעס אַ קוֹל וִוי אֵיינֶער רֶעדְט, מַאכְט עֶר עֶס גְלַייךְ אוֹיף אוּן עֶר גֵייט אַרַיין, אוּן וִויבַּאלְד עֶס אִיז גֶעוֶוען פִינְסְטֶער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער עֶס אִיז, אוּן עֶר הֵייבְּט אִים אָן גוּט אָנְצוּקְלַאפְּן, אוּן שְׁרֵייט אוֹיף אִים: דוּ הָאסְט גֶעוָואלְט טְשֶׁעפֶּענֶען מַיין וַוייבּ! שְׁרֵייט דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא צוּרִיק: נִישְׁט אִיךְ! נִישְׁט אִיךְ! בִּיז דֶער בַּעַל-הַבַּיִת הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ לִיכְט, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעזֶעהְן דֶעם מוֹרָא'דִיגֶע צוּרָה פוּנֶעם בַּעַל הַתַּנְיָא [וִוי בַּאוואוּסְט], הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעבֶּעטְן: דֶער רֶבִּי זָאל מִיר מוֹחֵל זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן, עֶפֶּעס גֵייט דָא פָאר אַז מֶען זָאל אוֹיף אִים אוֹיסְטְרֶעפְן אַזַא זַאךְ, דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעהֵייסְן דֶעם בַּעַל-עֲגָלָה תֵּיכֶף צוּרִיקְצוּפָארְן צוּם גְרוֹיסְן מַגִיד. וִוי נָאר עֶר קוּמְט צוּרִיק אָן, קוּמְט אִים שׁוֹין דִי מַגִיד אַקֶעגְן, אוּן זָאגְט אִים: אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט "אִיךְ", הָאסְטוּ יֶעצְט גֶעמוּזְט שְׁרֵייעֶן זִיבְּן מָאל: "נִישְׁט אִיךְ" "נִישְׁט אִיךְ". דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן זַלְמֶנְ'יוּ אַז פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ נִישְׁט שְׁרֵייעֶן 'אִיךְ' 'אִיךְ'.

עֶנְלִיךְ צוּ דֶעם הָאט פַּאסִירְט בַּיי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי שְׁלֹמֹה קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן מַגִיד אוּן גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְן טִיר, הָאט דֶער מַגִיד גֶעפְרֶעגְט: וֶוער אִיז דָארְט? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ. הָאט דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד נִישְׁט גֶעעֶפֶענְט דֶעם טִיר.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל, בִּיז דֶער מַגִיד זָאגְט אִים: עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ 'אִיךְ', 'אִיךְ' אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער. אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי תַּלְמִידִים אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ 'אִיךְ'.



# דעם רבי'נ'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 11

פארזעצונג פון פריער:

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבְּן צְוֵויי אִידְן זֵייעֶר אַסַאךְ פַארְשֶׁעמְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט אַלֶע סָארְט בִּזְיוֹנוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין שֶׁעלְטְן מִיט קְלָלוֹת נִמְרָצוֹת פַאר אַסַאךְ טֶעג.

...

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן בַּיי זֵיי, "דָאס זָאלְט אִיר וִויסְן אַז אִיךְ וֶועל אַייךְ זִיכֶער נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן מַיין עִיקָר כַּוָּונָה פַארְוָואס אִיךְ פָאר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ דָאס פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט, מִלִּבִּי לְפוּמִי לֹא גִּלִּיתִי, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז אָבֶּער גוּט אַז מִיר זָאלְן זִיךְ פַארְטְרָאגְן אִינְאֵיינֶעם, **מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים שֶׁבֶת אַחִים גַּם יָחַד** (תְּהִלִּים קל"ג, א'), אֲפִילוּ אוֹיבּ אֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דִי כַּוָּונוֹת פוּנֶעם צְוֵוייטְן".

זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט אוֹיסְזָאגְן זַיינֶע אֱמֶת'עֶ כַּוָּונוֹת מִיטְ'ן פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, קֶענֶען זֵיי אִים טוּן גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אָבֶּער גֶעזָאגְט, "אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין טוֹבוֹת פוּן אַייךְ, אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן מַיינֶע כַּוָּונוֹת. פַארְקֶערְט, אוֹיבּ וִוילְט אִיר קֶענְט אִיר בַּאקוּמֶען טוֹבוֹת פוּן מִיר".

הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְ'ן רֶבִּין, "אִיר רֶעדְט מִיט אַזַא בְּרֵייטֶע סָארְט שְׁפְּרַאךְ וִוי דִי גְרוֹיסֶע רֶבִּי'ס, אַ שְׁטֵייגֶער וִוי רֶבִּי בָּרוּךְ [רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זי"ע, דֶער אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע], אוּן רֶבִּי שָׁלוֹם [רֶבִּי שָׁלוֹם שַׁכְנָא פוּן פְּרָאהבִּיטְשׁ זי"ע, אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע], אוּן רֶבִּי נַחְמָן [דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין], וָואס זֵיי רֶעדְן אַסַאךְ מָאל גְרוֹיסֶע זַאכְן בְּלָשׁוֹן נִסְתָּר. דוּ בִּיסְט אָבֶּער זִיכֶער נִישְׁט אֵיינֶער פוּן זֵיי, וַוייל עֶס זֶעט אוֹיס אַז דוּ בִּיסְט פוּן דִי חוֹלְקִים אוֹיף רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע".

זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶועט שׁוֹין זַיין דָארְט אַ בְּרִיוו וָואס וֶועט לָאזְן וִויסְן פַאר דִי דָארְטִיגֶע אִידְן אַז עֶר אִיז פוּן דִי חוֹלְקִים אוּן שְׁפִּיאָנֶען, אַזוֹי וֶועט עֶר זֵיי נִישְׁט קֶענֶען פַארְנַארְן.

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אַגֶענְט פוּן דִי שִׁיפְן, יֶענֶער אִיז גֶעקוּמֶען פוּן פּוֹלִין אָבֶּער עֶר הָאט דָארְט חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַ סְפַרְדִ'ישֶׁע פְרוֹי, אוּן זַיין שְׁוִוינֶער אִיז גֶעוֶוען אַן אָפְטֶער גַאסְט בַּיים אָרְטִיגְן הֶערְשֶׁער. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען אַ אֵיינְפְלוּסְרַייכֶער מֶענְטְשׁ דָארְטְן, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ יֶענֶעם אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן, "לְמַעַן הַשֵּׁם זָאלְסְטוּ נִישְׁט לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶר אִיז פוּן דִי חוֹלְקִים אוּן עֶר וִויל דָארְט מַאכְן אַ גֵירוּשׁ, חַס וְחָלִילָה. אוּן אוֹיבּ קֶענְסְטוּ אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס טוּן מִיט סַיי וָואס, וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם אַסַאךְ שְׂכַר פוּן הִימְל".

דֶער רֶבִּי מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם אַז דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אָנְגֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף זֵיי פַאר דֶעם אַגֶענְט פוּן דִי שִׁיפְן.

דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעמַאכְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן גָאר אַסַאךְ בִּזְיוֹנוֹת דִי גַאנְצֶע צַייט, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער אַלֶעס גֶעלִיטְן אוּן גֶעשְׁוִויגְן, עֶר הָאט בְּשׁוּם אוֹפָן זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט אַנְטְפְּלֶעקְן וֶוער עֶר אִיז, עֶר הָאט זֵיי פַארְנַארְט אוּן צֶעמִישְׁט זֵייעֶר שְׂטַארְק. זֵיי הָאבְּן אִים אַסַאךְ אָנְגֶעשְׁרִיגְן אוּן פַארְשֶׁעמְט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר טוֹישְׁט כְּסֵדֶר זַיינֶע וֶוערְטֶער.

אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶערֶעדְט מִיט זֵיי בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אוֹיף זִיכֶער אַז עֶר קוּמְט פוּן לַאגוֹרְנָא, אוּן דֶערְנָאךְ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז ס'אִיז נִישְׁט אֱמֶת, הָאבְּן זֵיי אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְבַזֶּה גֶעוֶוען.

אַ צְוֵוייטֶע מָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אוּן עֶס הָאט זִיךְ זֵיי גֶעדַאכְט אַז עֶר אִיז אַ זוּן פוּנֶעם קָאמַארְנֶער מַגִּיד [רֶבִּי מֹשֶׁה יוֹסֵף לִיקְוַוארְנִיק, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ מַגִּיד אִין קָאמַארְנָא, אוּן שְׁפֶּעטֶער אִין סַאדִיגוּרָא], וָואס וִוי בַּאקַאנְט אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אִינְמִיטְן רֶעדְן הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן שֶׁעלְטְן דֶעם קָאמַארְנֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן, "דָאס אִיז דָאךְ דַיין טַאטֶע!", אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז זֵיי הָאבְּן נָאכְאַלְץ נִישְׁט אוֹיסְגֶעפוּנֶען וֶוער עֶר אִיז.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה



### א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

חלק ב'

## ~ שבת פרשת וירא תשפ"ב ~

דער ראש ישיבה שליט"א האט וווייטער פארציילט אז דער שלעכטער קעניג נמרוד, האט געזאגט אז ער איז א באשעפער חס ושלום. אברהם אבינו האט געוואוסט אז ס'איז שטותים, און ס'איז נאר דא איין באשעפער וואס ער האט אלעס באשאפן און ער פירט אלעס אליינס, האט מען געטראגן אברהם אבינו צום קעניג נמרוד, און דער קעניג נמרוד האט אים געפרעגט: "דו גלייבסט נישט אז איך האב באשאפן די וועלט"? האט זיך אברהם אבינו אנגערופן: "יעדן טאג צופרי שיינט די זון אויף פון מזרח זייט, און עס גייט אונטער אויף מעריב זייט, לאמיר זען אויב דו קענסט מאכן אז מארגן זאל עס אויפשיינען פון די אנדערע זייט"! דער קעניג נמרוד האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

דער ראש ישיבה האט ווייטער גערעדט וועגן נמרוד און זיך אנגערופן: "נמרוד האט געהאט א לאנגע בעזים, א גוי האט נישט קיין בארד, נאר א איד האט א בארד, ביי א גוי איז עס א בעזים, א בארד איז זייער א הייליגע זאך". אלע קינדער האבן געקוקט ווי דער ראש ישיבה גלעט זיין בארד און זאגט: "אוי ווי הייליג א בארד איז, נעבעך פאר די מענטשן וואס ווילן נישט קיין בארד". דער ראש ישיבה גיט א פרעג די קינדער: "ענק האבן אמאל געזען אז ס'איז דא בחורים וואס שניידן זיך אפ די בארד, זיי ווילן אויסקוקן ווי מאמעס"...

נאכדעם האט מען ארויסגענומען די מעשיות פון תפילה צעטלעך וואס די קינדער ברענגען אהיים פון חדר און סקול און דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשיות פון תפילה. ביי איינע פון די קינדער איז געשטאנען אז זי האט געבעטן די אייבערשטער מען זאל פארן אין שטעטל פאר שבת, האט דער ראש ישיבה געפרעגט פון די קינדער פארוואס זיי ווילן אזוי שטארק גיין אין שטעטל פאר שבת, וואס איז דא אין שטעטל? האט איינער פון די קינדער געענטפערט: ווייל אין שטעטל איז דא א גרויסע הויז. איינער האט געזאגט ווייל אין שטעטל איז נישט דא קיין גוים. אבער שפעטער האט דער ראש ישיבה געזאגט אז זיי אליינס ווייסן נישט פארוואס זיי ווילן גיין אין שטעטל, "זיי ווילן גיין ווייל זייער נשמה ציט אויף ברסלב".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט: דאס יאר איז אין ישיבה זייער שיין, שוין פערצן יאר פון ווען די ישיבה האט זיך געעפנט און ס'איז נאך קיינמאל נישט געווען אזעלכע וואוילע בחורים.

איינער פון די קליינע קינדער האבן געקוקט אין די שטעטל בלעטל ווי ס'איז געווען א בילד ווי א גוי פאררעכט א מאשין אין די בית הדפסה, און ער האט געוואלט וויסן וואס דער גוי פאררעכט אויף די מאשין, אבער דער ראש ישיבה האט געזאגט: איך בין זייער ברוגז פארוואס מען האט אריינגעלייגט א בילד פון א גוי אינעם שטעטל בלעטל, און דער ראש ישיבה האט אים געזאגט: מיש שנעל אוועק, קוק נישט אויף קיין גוים.

נאכדעם זענען די קינדער געקומען זאגן אז זיי ווילן מאכן א שפיל, און דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט אז זיי זאלן מאכן א שפיל פון 'א מעשה פון א צדיק'.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען צו זינגען די ניגון 'ברוך השם אשר נתן מנוחה', און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט זייער ליב צו זינגען דעם ניגון; וועגן 'ברוך השם' מיינט 'געלויבט דער אייבערשטער', 'אשר נתן מנוחה' 'מנוחה' איז די אותיות פון דעם הייליג'ן רבינ'ס נאמען, און 'נתן' איז 'רבי נתן', 'אשר' איז 'מוהרא"ש', געלויבט דער באשעפער וואס האט אונז געגעבן די הייליגע רבי, ר' נתן און מוהרא"ש.

דער ראש ישיבה האט געהאלטן די קליינע בעיבי און ער האט געפאטשט, דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין ווייב: "דאס איז cute (זיס) אדער אידיש נחת"? ארויסברענגענדיג אז אידיש נחת איז ווען מען לערנט. און זי האט געענטפערט: "טאקע ס'איז נאר cute". נאכדעם זענען די קינדער צוריקגעקומען פארשטעלטערהייט, עס האט אויסגעקוקט ווי זיי האבן אנגעטון יעדע שמאטע וואס זיי האבן נאר געטראפן. די מענטשן וואס זענען דארט געווען האבן זיך נישט געקענט איינהאלטן פון לאכן... צוויי זענען געווען פארשטעלט ווי א טאטע און א מאמע, און די אנדערע צוויי זענען געווען די קינדער.

יצחק דוד איז געווען פארשטעלט ווי א קליינע טאטע'לע און ער האט דערציילט מיט אן אינטערעסאנטע קול, אז ער איז א איד פון ארץ ישראל, און ער זיצט און לערנט תורה, און ער וויל בעטן דעם ראש ישיבה א ברכה אז ער זאל האבן געלט. האט דער ראש ישיבה אים געזאגט, "אז דו וועסט מכבד זיין דיין ווייב, וועסטו האבן אסאך געלט".

און די מאמע'לע האט זיך אנגערופן: "איך האב נאר צוויי קינדער און איך וויל האבן נאך קינדער, איך ווארט שוין צען יאר אויף נאך קינדער"! האט דער ראש ישיבה איר געענטפערט: "אז דו וועסט יעדן טאג דאנקען דעם אייבערשטן פאר די קינדער וואס דו האסט יא, וועסטו האבן נאך קינדער".

די קינדער האבן געמאכט נאך אסאך פלעי"ס (שפיל), און דער ראש ישיבה האט זיי געגעבן אסאך אטענש"ן (אויפמערקזאמקייט). אינמיטן האט זיך איינער פון די קינדער אנגערופן אז מען האט נאך גארנישט געקוקט אויף אים... האט דער ראש ישיבה געזאגט: יעצט גייט דער קינד אליינס מאכן א שפיל. און דער ראש ישיבה האט אים געגעבן אסאך אטענש"ן.

נאכדעם האט זיי דער ראש ישיבה געזאגט זיי זאלן מאכן א שפיל פון די מעשה פון 'עצתו אמונה פאר קינדער'. האבן זיי געפרעגט אויב עס דארף זיין פון די וואך, אדער עס קען אויך זיין פון א אנדערע וואך? האט דער ראש ישיבה געזאגט: עס איז נישט קיין חילוק פון וועלכע וואך די מעשה איז. זיי האבן געמאכט א שפיל פון די מעשה אז ר' נתן האט געווארט פאר קינדער, און דער הייליגער רבי האט אים געבעטן צו ברענגען זעקס בענקלעך פאר א פדיון, און ר' נתן האט טאקע געהאט זעקס קינדער. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז זיי זאלן אויך אויסרעכענען די נעמען פון די קינדער פון ר' נתן.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה דערציילט אז אברהם אבינו איז ארומגעלאפן אין שטאט מיט א צוגעמאכטע האנט און ער האט זיך געמאכט ווי א משוגע'נער, אזוי זענען אלע קינדער אים נאכגעלאפן ביז זיי זענען ארויסגעלאפן פון שטאט האט זיי אברהם אבינו אויסגעלערנט אז ס'איז דא א באשעפער וואס ער פירט די וועלט און צו אים דארף מען רעדן און אים דארף מען דינען. און דער ראש ישיבה האט נאכגעמאכט ווי אזוי אברהם אבינו איז ארומגעלאפן הא הע הי הא... דער ראש ישיבה האט פארציילט אז קינדער האבן ליב אינטערסאנטע מענטשן און נאכצולויפן משוגעים, האט זיך דער פיר יעריגער יוסף נ"י אנגערופן, "איך האב ליב די אייבערשטער"! האט דער ראש ישיבה אים געזאגט: "איך האב ליב די קינדער וואס האבן ליב די אייבערשטער"!

אזוי זענען אלע קינדער נאכגעלאפן אברהם אבינו ביז ער האט זיי ארויסגעטראגן אינדרויסן פון שטאט און דארט האט ער זיי געזאגט זעצטס ענק אלע אראפ, און ער האט זיי אויסגעלערנט אז ס'איז נאר דא איין באשעפער אויף די גאנצע וועלט. און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אברהם אבינו האט נישט געזוכט צו כאפן די אלטע מענטשן, די אלטע מענטשן זענען שוין געווען צוגעוואוינט צו זייער עבודה זרה, נאר די יונגע מענטשן האט אברהם געוואלט ברענגען צו די אייבערשטער. נאכדעם האט מען געבענטשט.

## באטע

נאכן בענטשן זענען ארויפגעקומען בחורים צום ראש ישיבה'ס הויז, און דער ראש ישיבה האט געשמועסט מיט זיי.

דער ראש ישיבה האט גערופן אלע קינדער, און געזאגט אז ער וויל זיי זאגן א וויכטיגע זאך. דער ראש ישיבה האט זיי געפרעגט, "ענק ווייסן פארוואס לוט'ס ווייב איז געווארן א שטיק זאלץ? ווייל זי האט צוריקגעקוקט. אז מען קוקט צוריק וואס איז געווען ווערט מען אינגאנצן פארביטערט, מען ווערט א שטיק זאלץ".

איך האב באמערקט אן אינטערסאנטע זאך; אינמיטן די באטע איז איינע פון די קליינע קינדער זענען געגאנגען אין בית הכסא, און ער האט זיך נישט געקענט אליינס רייניגן, האט דער ראש ישיבה געבעטן איינער פון די קינדער זאלן גיין אים העלפן, אבער ער האט זיך ארויסגעדרייט זאגנדיג אז ער קען נישט. איז דער ראש ישיבה אליינס געגאנגען.

מען האט אריינגעברענגט נאש לכבוד שבת, און דער ראש ישיבה האט דערציילט פאר די קינדער די מעשה פון די זיבן בעטלערס. דער ראש ישיבה האט פארגעזעצט ווי ער האט געהאלטן אינמיטן דערציילן פון לעצטע וואך, אז די צוויי קינדער האבן זיך פארלוירן אין וואלד, זיי זענען געווען זייער הונגעריג האבן זיי געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי דארפן עסן און די אייבערשטער האט זיי געשיקט א בעטלער וואס זאל זיי געבן ברויט. איינער פון די קינדער האבן געפרעגט ווי אזוי האבן זיי געמעגט רעדן צו די בעטלער, מען טאר נישט רעדן צו א פרעמדע מענטש... האט דער ראש ישיבה געענטפערט אז זיי זענען געווען אליינס אין וואלד האבן זיי געמעגט רעדן צו אים.

דער ראש ישיבה האט געטאנצן מיט די צוויי חתנים וואס זענען דארט געווען, און נאכדעם האט דער ראש ישיבה ווייטער אביסל געשמועסט מיט די געסט, ביז דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן, גוט שבת! גוט שבת! עס איז געווען אזא געשמאק מיטצוהאלטן ווי דער ראש ישיבה פירט א סעודה, אזוי רואיג און פרייליך. עס האט מיך דערמאנט פון די ניגון, 'ווען שבת קומט, א גן עדן איז אין שטוב, יעדער איז פרייליך יעדער האט זיך ליב...'.

## שבת אינדערפרי

שבת אינדערפרי בין איך נישט געווען ביים סעודה, אבער איך האב נאכגעהערט אז עס איז געווען זייער א שיינע סעודה. איין זאך האב איך געהערט; אז דער ראש ישיבה איז געווען אביסל אנטוישט ווען ער האט געהערט אז אין שטעטל ביים קידוש שבת אינדערפרי בשעת מען לערנט פאר סיפורי מעשיות, זיצן אינגעלייט אין דער זייט און שמועסן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: ביידע זענען נישט גערעכט, די וואס אינטערסירט נישט די שיעור טארן נישט זיצן אין שול שמועסן און שטערן, זיי דארפן ארויסגיין אין פאליש. און דער וואס לערנט פאר דארף אויך זען עס זאל זיין דרך ארץ, אויב מען שמועסט קען מען נישט פארלערנען, עס איז א חילול השם צו פארלערנען ווען מען רעדט.

# בילדער
## אפטיילונג






שמחת הברית פון הילד חיים נ"י בן אברהם הערש וועבערמאן - ד וישלח - קרית ברסלב ליבערטי
רעכטס: קריאת השם דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א. לינקס: סעודת ברית






דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין די נייע קינדער געשעפט "באמבאלינא" - מיטוואך וישלח תשפ"ב



דער ראש ישיבה שליט"א ביים באקוקן דעם נייעם מקוה מלכה
ביים בית המדרש עצתו אמונה קרית ברסלב ליבערטי



דער ראש ישיבה שליט"א קוקט זיך אום ביי די נייע דירות וואס
ווערט יעצט געבויעט אין שטעטל - מיטוואך וישלח תשפ"ב




# וַוייל אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער הֵייבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיף

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער פוּן אַייךְ הָאט זִיךְ שׁוֹין אַמָאל אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט? וֶוער פוּן אַייךְ אִיז שׁוֹין אַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן זִיךְ צֶעקְלַאפְּט? הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט אִין דִי שְׁנֵיי.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער; רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעטְרֵיי צוּ זַיין רֶבִּי, רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט בַּאדִינְט רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר גֶעטְרֵיי. אַמָאל אִיז רֶבִּי נַחְמָן גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְלִיטְשִׁיג, עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ גְלִיטְשׁ אוּן עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי שְׁנֵיי.

דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַן אַלְטֶע פְרוֹי וָואס הָאט נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים, זִי הָאט גֶעהֶערְט אַסַאךְ לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אוּן אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים, הָאט זִי גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? בִּיסְט גֶעפַאלְן וַוייל דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, דָאס אִיז אַ שְׁטְרָאף פַארְ'ן זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר!" אַזוֹי הָאט זִי גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט.


הֶע הֶע הֶע, קוּק אָן דֶעם בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד!

דֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, זִיךְ אָפְּגֶעפִּיצְט פוּן דִי שְׁנֵיי אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי אַלְטֶע אִידֶענֶע: "אִיךְ בִּין גֶעפַאלְן וַוייל עֶס אִיז גְלִיטְשִׁיג, אִיךְ בִּין גֶעפַאלְן וַוייל עֶס שְׁנֵייט; וַוייל אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, וַוייל אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף דֶער עֶרְד; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אֲפִילוּ מִיר פַאלְן זָאלְן מִיר זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער זָאלְן מִיר נִישְׁט וֶוערְן מְיוּאָשׁ".

דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט אוּנְז צְוֵויי זַאכְן; אֵיינְס, וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועריְקֵייט, מִיר צֶעקְלַאפְּן זִיךְ - זָאלְן מִיר נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז דָאס קוּמְט וַוייל מִיר גֵייעֶן צוּם צַדִיק. צְוֵוייטְנְס, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְ'ן לֶעבְּן, טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

# קינדער אפטיילונג



## ״סקומט שוין חנוכה״

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ה | ז | ע | ת | ג | ו | ה | ע | ס | ז | ק | ש | א | ק | ע | מ | ע | ר | ע | ה |
| א | ע | ק | ס | ט | ט | ל | ת | ת | ב | מ | י | צ | א | ס | ס | א | ק | ס | ה |
| ו | ס | ג | ק | ק | ע | ה | ט | ב | ש | פ | פ | ד | ש | ק | צ | א | א | ק | כ |
| ש | ק | ד | ע | ר | ו | ס | ש | ח | י | ש | ו | ל | ו | ו | ה | ד | ה | ו | ו |
| צ | ו | נ | ש | ת | ח | מ | ק | ה | ל | ה | נ | מ | כ | מ | מ | א | כ | מ | נ |
| ה | מ | ת | נ | ע | ק | י | ט | ו | נ | ז | ט | ט | ה | ט | א | י | ו | ט | ח |
| כ | ט | פ | מ | ת | ס | ו | ב | ש | מ | ש | ר | מ | ז | ש | מ | י | נ | ש | נ |
| ו | ש | ב | ז | ד | ע | ק | ח | ד | ו | ט | ח | ת | ע | ו | צ | ס | ח | ו | י |
| נ | ו | ק | ה | י | ב | ג | ו | י | ר | י | ש | ב | ב | י | פ | ב | נ | י | ו |
| ח | י | צ | ד | צ | ר | ק | נ | מ | ע | כ | נ | ו | ה | נ | ו | פ | י | נ | ש |
| נ | נ | ק | ר | ר | ו | ח | ק | נ | ט | מ | ז | ח | י | ח | ט | פ | ו | ח | ט |
| י | ח | ס | ז | ה | נ | ת | א | ש | פ | ש | פ | ז | נ | נ | ד | פ | ש | נ | מ |
| ו | נ | ט | ט | ו | ב | פ | ז | ב | ז | ו | ו | ו | ח | ו | ח | י | ט | ו | ו |
| ש | ו | פ | כ | פ | ז | צ | ס | ע | פ | ד | ח | י | ג | כ | כ | נ | מ | כ | ק |
| ט | כ | ה | כ | ב | ת | מ | כ | צ | א | ק | י | נ | נ | ה | כ | ה | ו | ה | ס |
| מ | ה | ב | ש | צ | ד | ת | ח | נ | ר | ג | ג | כ | ד | ח | ח | ל | ק | כ | ע |
| ו | ד | ס | ה | נ | ג | ת | ו | ה | כ | ר | מ | ע | ת | ח | נ | כ | ס | כ | ה |
| ק | כ | כ | כ | ס | ח | א | צ | ז | ה | י | ח | ו | ו | ב | ח | ו | ע | א | ו |
| ס | ע | ס | ק | ו | מ | ט | ש | ו | י | נ | ח | נ | ו | כ | ה | ס | כ | ס | ס |
| ע | צ | ע | ס | ק | ו | מ | ט | ש | ו | י | נ | ח | נ | ו | כ | ה | כ | ה | ד |

### טרעף

די פאלגנדע ווערטער

וויפיל מאל קענסטו טרעפן די ווארט חנוכה?



## העלף נחמן נתן איינקויפן פאר חנוכה!







## א שיעור מיטן רבי'ן

### אמת

**ב. מֻתָּר לְשַׁנּוֹת בִּדְבַר הַשָּׁלוֹם.**

**טייטש.** א. מֶען מֶעג טוֹישְׁן פוּנֶעם אֱמֶת, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם.

**פירוש.** [מֶען מֶעג זָאגְן זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט אֱמֶת, אוֹיבּ דָאס וֶועט מַאכְן אַז מְ'זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אוּן סְ'זָאל זַיין שָׁלוֹם]



## קינדער אפטיילונג

## סודאקא

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | 7 | | | |
| | | | | 4 | | 9 | | |
| | 7 | 1 | 8 | | | | 3 | |
| | | | | 6 | | | | 3 |
| 2 | | | | | | | | 8 |
| 4 | | 5 | 3 | | | | | |
| | 5 | 6 | | | 2 | | | |
| | | 3 | | 8 | | | 7 | |
| | | 9 | | | | 2 | 5 | |



## חידות אפטיילונג

**דער הייליגער רבי זאגט:**

**ווער עס זאגט תיקון הכללי**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. איז זוכה צו אמונה

ב. וועט פארשטיין דאס לערנען

ג. וועט האבן נחת פון די קינדער

ד. דארף שווין גארנישט זארגן

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:*

*שאלה:* דער הייליגער רבי האט געזאגט: יעדער איז איז מחויב צו לערנען יעדן טאג

*ענטפער:* **שלחן ערוך**

דער געווינער פון פאריגע וואך איז

**משה יוסף טייטילבוים נ"י - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

# בילדער
## ארכיוון

## יום טוב חנוכה פון די פריערדיגע יארן





הדלקת נרות חנוכה ביי מוהרא"ש זי"ע



דער ראש ישיבה ביים נעמען ברכת קדשו פון מוהרא"ש זי"ע



יצחק בן פייגלא לרפואה שלימה ובניו ביי מוהרא"ש זי"ע



מוהרא"ש זי"ע ביים געבן א שיעור יו"ט חנוכה אין קרית יואל



שחרית מיטן ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל - חנוכה תשפ"א